# די פרומע קאַץ

דריי זינג־פייגעלעך זענען געווען אין שטוב און אַלע דריי, איינס נאָכן צווייטן — האָט די קאַץ צערעכט געמאַכט...

עס איז קיין איינפאַכע קאַץ נישט געווען, נאָר אַן אמת, אמת־פרומע נשמה, וואָס האָט נישט אומזיסט געטראָגן די ווייסע גוט־ידישע יופּע און געהאַט אייגעלעך, אין וועלכע דער הימל האָט זיך גע־שפּילט...

עס איז אַ פרומע קאַץ, אַ טבילה־קאַץ געווען! צען מאָל אין טאָג האָט זי זיך געוואַשן... און געגעסן האָט זי שטיל, ערגעץ אין אַ זייט, אין אַ ווינקעלע...

אַ גאַנצן טאָג האָט זי געפאַסט וואָס עס איז מילכדיקס, און ערשט, אַז די נאַכט איז צוגעפאַלן, האָט זי געגעסן פליייש, כשר מוזן־פליייש...

און נישט געאיילט זיך צו דער אכילה, ווי אַ גראָבע זאַך. נישט געכאַפּט און געשלונגען ווי פּרעסער טוען; נאָר בנעימות, שפּילנדיק... זאָל דאָס מייזל לעבן נאָך אַ רגע, נאָך אַ רגע... זאָל עס אַבּיסל אָרומ־טאַנצן, אָפּצימערן, ווידוי זאָגן — אַ פרומע קאַץ כאַפּט נישט...

אַז מען האָט אין שטוב אַריין דעם ערשטן זינג־פויגל געבראַכט, האָט זי אויפ'ן באַלד רחמנות באַקומען; עס האָט זי ביים האַרץ אָנגעכאַפּט.

— אַזאַ שיינס, — זיפצט זי, — אַזאַ קליינס, אַזאַ מחיהדיק פּיי־געלע זאָל קיין עולם־הבא נישט האָבן!

— און עס קען קיין עולם־הבא נישט האָבן! — איז זיכער די קאַץ — ערשטנס וואַשט זיך עס דייטשעריש, מיטן גאַנצן לייב אין שיסע־לע וואַסער...

צווייטנס, אַז מען האָט עס איינגעזעצט אין שטייג, איז עס שוין אַ חיה־רעה, כמעט אַ יונג, זיס און פיין זינג־פייגעלע... האַלט עס שוין מער פון דינאַטיט ווי פון שלחן־ערוך!

הייגט דאָס זינגען אַליין! דאָס אויסגעלאַסענע זינגען, דאָס צו־פייפן און דאָס קוקן גלייך אַן אַ שום דרך־ארץ אין הימל אַריין! דאָס

רייסן זיך ארויס פון שטייג צו דער זינדיקער וועלט, צו דער פרייער לופט, צום אָפענעם פענצטער...

צי איז נאָך אמאָל א קאַץ אין א שטייג געזעסן? צי האָט נאָך אמאָל א פרומע קאַץ אזוי געפיפן, אזוי זמרי־בן־סלוא'דיק געפיפן?

— און א שאָד! — וויינט דאָס פרישע הארץ אין דער פרומער קאַץ,

— עס איז דאָך א לעבעדיקע זאך, א טייערע נשמה, א פונק פון דער הייך!

דער קאַץ קומען טרערן אין די אויגן:

— און דאָס גאנצע אומגליק איז, וואָס דער זינדיקער גוף איז אזוי שיין, דער עולם־הזה דעריבער — אזוי לוסטיק, דער יצר־הרע אזוי שטאַרק...

ווי קען אזא קליין זיס פייגעלע זיך אקעגנשטעלן דעם שרעקלעך־גרויסן יצר־הרע?

און וואָס מער עס לעבט, מער זינדיקט עס, גרעסער וועט זיין די שטראָף...

האָ!

און א הייליק פייער האָט זיך אָנגעצונדן אין דער קאַץ, דאָס פייער פון פנחס בן־אלעזר, בן־אהרן הכהן... און זי איז ארויפגעשפרונגען אויפן טיש ,ווו די שטייג מיטן זינג־פייגעלע איז געשטאַנען, און — עס פליען שוין פעדערן אין צימער...

---

מען האָט די קאַץ געשלאָגן... די שלעק נעמט זי אָן פאר ליב... זי האָט פרום אָפגעקרעכצט, אָפגעמיאַוטשעט א יעמערלעכן על־חטא...

מער וועט זי שוין נישט זינדיקן...

די קלוגע קאַץ פארשטייט, פאר וואָס מען האָט זי געשלאָגן... מער וועט זי אויף קיין שלעק נישט פארדינען...

— מען האָט זי געשלאָגן — פארשטייט די קאַץ, — דערפאר ווייל זי האָט פארפעדערט די שטוב; ווייל אויפן ווייסן געשטיקטן טישטעך זענען געבליבן פלעקן פון בלוט...

אזא פסק מוז מען מקיים זיין גוט, שטיל און פרום, עס זאָל קיין פעדער נישט פליען, קיין טראָפן בלוט נישט פאלן...

און — אז מען האָט דעם צווייטן זינג־פויגל געקויפט און אין שטוב געלאָזט, האָט זי אים שוין שטיל און פיין דערוואָרגן און מיט די פעדערן צוזאמען איינגעשלונגען..

---

מען האָט די קאַץ געשמיסן...

אצינד האָט ערשט די קאַץ פאַרשטאַנען, אַז נישט וועגן פעדערן גייט עס, נישט וועגן פלעקן פון בלוט אויפן טישטעך...

דער סוד איז, אַז מען טאָר נישט טייטן! אַז מען דאַרף ליב האָבן, מוחל זיין... אַז נישט מיט ארבע מיתות בית־דין פאַרבעסערט מען די זינדיקע וועלט!

מען דאַרף מחזיר־למוטב־זיין, מוסר זאָגן, צום האַרץ רעדן!

אַ קאַנאַרעק אַ בעל־תשובה קען קומען צו'ן אַזאַ מדרגה, צו וועלכער די פרומסטע קאַץ וועט נישט דערגרייכן!

און די קאַץ דערפילט, ווי עס וואַקסט אין איר דאָס האַרץ פאַר פרייד! אויס אַלטע, שלעכטע און האַרטע צייטן! אויס בלוט פאַרגיסן!

רחמנות, רחמנות, און נאָכאַמאָל רחמנות...

---

און מיט רחמנות איז זי צוגעגאַנגען צום דריטן קאַנאַרעק!

— שרעק דיך נישט — מאַכט זי, — מיט דער ווייכסטער שטימע, וואָס איז אַמאָל אַרויס פון אַ קאַציקן האַלדז, — זינדיק ביסטו, נאָר איך וועל דיר קיין שלעכטס נישט טון, ווייל איך האָב רחמנות אויף דיר!

איך וועל דיר אפילו די שטייג נישט עפענען, איך וועל דיך אפילו נישט אָנרירן!

דו שווייגסט? — זייער גוט! איידער פרעכע לידער צו זינגען, איז גלייכער שווייגן!

דו צאַפּלסט — נאָך בעסער! צאַפּל, צאַפּל, מיין קינד, נאָר נישט פאַר מיר, פאַרן בורא־עולם צאַפּל, פאַר זיין ליבן נאָמען!

הלוואי זאָלסטו שוין אַזוי בלייבן — שטיל, ריין און צאַפּלדיק...

איך וועל דיר העלפן צאַפּלען! פון מיין פרומער נשמה וועל איך הויכן אויף דיר שטילקייט, זיסקייט און פרומקייט... מיט מיין הויך זאָל אַריין אמונה אין דיין ליִיב, יראת־שמים אין דיינע ביינדעלעך, תשובה און חרטה אין דיין הערצעלע!

און די קאַץ פילט ערשט, ווי גוט עס איז מוחל צו זיין, ווי אַ פרייד עס איז יענעם אַריינצובלאָזן מיטן הויך פרומקייט און ערלעכקייט...

און עס וואַקסט דאָס פרימסטע האַרץ אין דער פרימסטער ווייסער קאַץ —

נאָר דער קאַנאַרעק קען אין דער קאַצן־לופט נישט אָטעמען — עס האָט אים דערשטיקט!

---